**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/10/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר HOCHUL מעלדט 60 מיליאן דאלאר פאר עלעקטרישע וויקעלס טשארדינג אינפראסטרוקטור**

***NY גרין באנק פינאנצירונג ערמעגליכט רעווער צו מער פון טריפלן איר NYC פובליק שנעלע-טשארדשינג נעטווארק אין 2025 - 267 נייע שנעלע-טשארדשינג בודקעס קומען באלד***

***ערשטע EV טשארדשינג אינפראסטרוקטור טראנזאקציע פאר NY גרין באנק צילט צו פארברייטערן ריינע טראנספארטאציע אינוועסטירונגען, פארמינערן עמיסיעס און פארמערן צוטריט צו EV טשארדשינג אינפראסטרוקטור***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן א זעכציג מיליאן דאלאר טראנזאקציע צו פארשנעלערן עלעקטרישע וויקעל (EV) טשארדשינג אינפראסטרוקטור ארויסלאזן איבער ניו יארק סיטי. די הלוואה צוגעשטעלט דורך NY גרין באנק (NY Green Bank, NYGB), די סטעיט'ס ריינע ענערגיע אינוועסטירונג פאנד און א דיוויזיע פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארש און אנטוויקלונג אוטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), צו רעוועל, די גרעסטע פראווידער פון פובליק EV שנעלע-טשארדשינג אין ניו יארק סיטי וועט ערמעגליכן רעוועל צו מער פון פארטריפלן איר יעצטיגע ניו יארק סיטי פובליק שנעלע-טשארדשינג נעטווארק היי יאר. דעס רעפריזענטירט NYGB'ס ערשטע EV טשארדשינג אינפראסטרוקטור טראנזאקציע און שטיצט די פארברייטערונג פון אינוועסטירונגען אין ריינע טראנספארטאציע צו פארמינערן גינהויז גאז עמיסיעס ווען פארמערנדיג צוטריט צו קריטישע טשארדשינג אינפראסטטרוקטור נייטיג פאר די ברייטערע אויפנעמעונג פון EV'ס.

"אין שטיצע פון די טראנזיציע צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע, עס איז קריטיש אז אונז זעצן פאר צו בויען עלעקטרישע וויקעל אינפראסטרוקטור צו פארגרינגערן די טויש צו EV אייגענטומערשאפט פאר מער ניו יארקער, ספּיציעל די אין שטעטישע געגענטער," **גאווערנער האקול האט געזאגט.** "די סיגניפישע אינוועסטירונג אדרעסירט די שליסל געברויך פון צושטעלן עלעקטרישע וויקעל באנוצער אין ניו יארק סיטיט מיט שטארק געדארפטע פובליק טשארדשינג אפציעס ווען פארמינערנדיג לאקאלע עמיסיעס."

די פינאנצירונג וועט ערמעגליכן די אויפבוי פון 267 נייע טשארדשינג בודקעס איבער ניין ערטער און שטיצט די קאמפליצירטע אויפבוי אקטיוויטעטן פארבינדען אין אנטוויקלן און אויפבויען EV טשארדינג סטאנציעס. רעוועל וועט פארענדיג אויפבוי פון די נאכפאלגענדע ערטער אין די קומעדיגע 12 מאנאטן, מיט די פארבליבענע צו ווערן פארענדיגט ביז 2027:

- 60 טשארדשינג בודקעס אין מאספעט, קווינס, וועלכע וועט זיין די גרעסטע שנעלע-טשארדינג סטאנציע אין צפון מזרח פאראייניגטע שטאטן.
- 44 טשארדשינג סטאנציעס נאנט צו לאגווארדיע עירפארט, עס מאכנדיג די גרעסטע שנעלע-טשארדשינג סטאנציע נאנט צו אן עירפאט אין לאנד.*

- 24 טשארדשינג סטאנציעס ביי די דשאהן פ. קענעדי אינטערנאציאנאלע עירפארט (JFK◌); עס מאכענדיג די גרעסטע טשארדינג סטאנציע ביי די עירפארט.*
- 30 טשארדשינג בודקעס אין גרינפוינט, ברוקלין.
- 20 טשארדשינג בודקעס אין די פארט מאריס טייל פון די בראנקס.*

** פראיעקט איז אין א באנאכעלעזיגטע געמיינדע (DAC)*

**ניו יארק סטעיט ענערגיע און פארש אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO Doreen M. Harris (דארין מ. העריס) האט געזאגט,** "NY גרין באנק'ס פינאנצירן שטיצע פאר קריטישע אינפראסטרוקטור וועלכע שטיפט פאר אויס ריינע טראנספארטאציע ארבעט צוזאמען מיט NSDERDA'ס באמיהונגען צו טרייבן די טראנזיציע צו עלעקטריפיקאציע פון די סעקטאר. פארמערענדיג די סטעיט'ס טשארדינג מעגליכקייטן איז א טריט פאראויס אין פארזיכערן ניו יארקער קענען אריין פלאגן און פארן ריין און אונז קאמענדירן רעוועל'ס פירערשאפט אומבלאנגט דעם אין א הויפט האב און אין הויך-ווירקונג לאקאציעס ווי הויפט עירפארטס."

**NY גרינן באנק פרעזיגענט Andrew Kessler (ענדרוי קעסלער) האט געזאגט,** "NY גרין באנק איז פריילעך צו מיטיילן דעם עקסטאזפולע טראנזאקציע וועלכע טוט צייגן די פעיגקייט פון פינאנצירן EV טשארדשינג אינפראסטרוקטור צו שויצן דאס אויפנעמען פון עלעקטרישע וויקעלס. די רעוועל טראנזאקציע איז א וויכטיגע און נאכמאכבארער פרעצעדענט אונז ערווארטן וועט העלפן פארשנעלערן אינוועסטירונגען אין די שנעל-וואקסענדע סעקטאר און פארברייטערן צוטריט צו EV טשארדשינג פאר מער ניו יארק דרייווערס."

**רעוועל קא-גרינדער און Frank Reig CEO (פרענק רעיג) האט געזאגט,** "פאר די פארגאנגענע פאר יאר, רעוועל האט זיך אנגעגרייט א סטראטעגישע פארטפאליאו פון די מערסט לוינענדע שנעלע-טשארדינג לאקאציעס אין ניו יארק סיטי. די ערטער זענען יעצט גרייט פארן שאוועל. מיט די קריטישע שטיצע פון NY גרין באנק, אונז זענען גרייט צו נעמען NY'ס EV עקאנאמיע צו די קומעדיגע שטאפל מיט א שנעלע-טשארדינג נעטווארק וועלכע קאנקורירט מיט סיי וועלכע העכסטע טיער שטאט."

רעוועל האט געבראכן גרונט אין נאוועמבער אין JFK עירפארט, דערנעבן די ריידשעיר וויקעלווארטן ארט, מיט שטיצע פון די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערסי. מיט פינאנצירונג פון NYGB, רעוועל וועט יעצט קענען פארענדיגן אויפבוי פון די אויבנדערמאנטע 24 טשארדשינג בודקעס. די ארט וועט זיך עפענען אין די ערשטע פערטל פון 202 און איז ערווארטעט צו ווערן פון די מערסט באנוצטע טשארדשינג סטאנציעס אינעם לאנד.

**סטעיט סענאטאר Kevin Parker (קעווין פארקער) האט געזאגט,** "אונזער ציל איז צו איבערלאזן ניו יארק סטעיט אין א בעסערע צושטאנד ווי ווען אונז האבן עס געטראפן. אויב גיין אונז זיך פאראויסריקן מיט אונזער CLCPA צילן, אונז דארפן טראנזיציאנירן אונזער טראנספארטאציע סעקטאר צו ריינע וויקעלס. אונז דארפן אויך אינוועסטירן אין די אינפראסטרוקטור געדארפט צו צושטעלן קאנפידענס, פאראנטווארטליכקייט און צוגענגליכקייט פאר ניו יארקער. איך אפלאודיר גאווערנער Hochul (האקול), רעוועל און NYSERDA פארן פארזעצן צו צושטעלן די געלעגנהייטן מיט פינאנצירונג שטיצע דורך ניו יארק גירן באנק."

**סטעיט סענאטאר Jeremy Cooney (דשערמי קוני) האט געזאגט,** "די צוקונפט פון טראנספרטאציע איז עלעקטריש. די הייניגע אינוועסטירונג דורך די NY גרין באנק און NYSERDA רעפריזענטירט אונזער סטעיט'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו נייע און ארויסקומעדיגע טארנספארטאציע טעכנאלאגיעס, און א גרינערע, ריינערע צוקונפט פאר ניו יארקער."

**אסעמבלימעמבער William Magnarelli (וויליאם מאגנארעלי) האט געזאגט**, "איך בין געמוטיגט דורך דעם מעלדונג. פארברייטערן אונזער טשארדשינג אינפראסטרוקטור איז גאר וויכטיג אויב גייט ניו יארק נאכקומען איר זירא עמיסיע טראנספארטאציע געזעצן. די צוגעלייגטע טשארדשערס וועלן מאכן די ארבערגאנג צו אן EV מער צוגענגליך און פארלאזנד."

רעוועל טשארדשינג סטאנציעס זענען אפען צו די פובליק אויף א 24/7 באזיס פאר סיי וועלכע מעיק און מאדעל EV. אלע טשארדשערס אריינגעלייגט אין צוקונפטיגע לאקאציעס וועלן האבן שנעלקייטן פון כאטש 320 קילאוואטס (KW) וועלכע קען טשארדשן אן EV און אזוי ווייניג ווי 15 מינוט.

פאר יאר, NYGB האט פארענדיגט נאך א גרונטברעכענדע טראנזאקציע מיט אינספירעישען מאביליטי- וועכע ארבעט צוזאמען מיט רעוועל- צו שטיצן דאס ארויסלאזן פון באלד 400 EV's אין ניו יארק סיטי וועלכע טוהן פארמערן צוטריט צו ריינע ריידשערינג טראנספארטאציעס. איבער דריי פערטל פון רעוועל'ס פייפ ליניע פראיעקטן וועלכע ווערן געשטיצט דורך NYGB פינאנצירונג געפונען זיך אין DAC, פאראויסריקענדיג NYGB's ציל פון פארפליכטן א מינימום פון 35 פראצענט, מיט א ציל פון 40 פראצענט, פון וועלכע איר קאפיטאל בענעפיטירט די DAC.

אלץ די גרעסטע סטעיט גין באנק אינעם פאלק NYGB האט פארפליכטעט מער פון 2.4 ביליאן דאלאר צו פאראויסריקן ניו יארק סטעיט'ס ריינע ענערגיעקאנאמיע פאר אלע ניו יארקער. זייט איר גרינדונג, איר אינוועסטירונגן האבן מוביליזירט ביז 8.8 ביליאן דאלאר אין פראיעקטן קאסטן איבער טעכנאלאגיעס, מיט 383 מיליאן דאלאר מאביליזירט אין די ריינע טראנספארטאציע סעקטאר אליין. NYGB's טראנזאקציעס זענען אנטוויקלט אויף צו ווערן נאכגעמאכט און אויפגענומען דורך די פריוואטע סעקטאר, העלפענדיג אויפלעבן די מארקעט און מאביליזירן קאפיטאל און אינטערגעדינטע גרינע סעקטארן מיט א ספיציעלע פאקוס אויף ריינע טראנספארטאציע, ענערגיע סטארעדש און געביידע דיקארבאנעזאציע.

מער אינפארמאציע איבער די רעוועל דיעל קען געטראפ ווערן אין NYGB's טראנזאקציע פראפיילס אויף אירפארטפאליא בלאט. בילדער און ווידיא זענען פארהאנען אויף פארלאנג דורך זיך פארבינדען מיט רעוועל אויף press@gorevel.com.

**ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע**
ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א אן אפּאַרדעבעל און יושר'דיגע אריבערגאנג צו אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט דזשאבס פון וועלכע עס איז מעגליך צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס שטופט פאר עקאנאמישע וואוקס דורך גרינע אינוועסטירונגען און פארזיכערט אז א מינימום פון 35 פראצענט פון די בענעפיטן קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ניו יארק רוקט זיך פאראויס מיט א רייע באמיאונגען צו ערגרייכן אן עמיסיעס-פרייע עקאנאמיע ביז 2050, אריינרעכענענדיג אין די ענערגיע, געביידעס, טראנספארטאציע און מיסט סעקטארן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן